8). צו העלפען באַזאָרגען די נייע קהלות פון לאַטיין אמעריקאַ צו געבען זיי די מעגליכ־קייט זיך איינצואָרדנען מיט אלע נויטיגע דברים שבקדושה, און מיט מקואות וכדומה.

## רעזאָלוציעס וועגען הילף

1. די קאָנפערענץ למען חזוק היהדות באַשליסט:

א). צו שאַפען א מוסד אונטער׳ן נאָמען „עזרת ישראל״, וועלכער זאָל זיך פארנעהמען מיטן לינדערן פון דער שרעקליכער נויט פון אידען אין אייראָפּע בכלל און רעליגיעזע אידען בפרט.

ב). דער מוסד וועט אויסנוצען אלע מעגליכקייטען פון שיקען הילף צו אידען נויטליידענ־דע פון דער מלחמה בכל מקום שהם אין דער צייט פון דער מלחמה — נישט אריינגעהענ־דיג אין גבול פון דער ארבייט פון „דזשאינט״.

ג). בעיקר וועט די טעטיגקייט פון „עזרת ישראל״ באַשטעהן אין שיקען הילף אויף אינדיווי־דועלע אדרעסען.

ד). דער מוסד וועט זיך אויך פארנעהמען מיטן באזאָרגען פון די פארוואָגעלטע אידען, חוץ מאטעריעלע הילף, אויך מיט דברים שבקדושה, וועלכע זיי פאָדערען, פיהלענדיג אז אין דער צייט פון דער קאַטאַסטראָפע איז דער דת זייער שטאַרקסטער אָנהאַלט אין לעבען.

ה). דער מוסד וועט געפיהרט ווערען פון 3 קאָמיטעס; 1. פאר זאמלען געלד: 2. פאר פאר־טיילען די געזאַמעלטע סכומים: 3. פאר אויסגעפינען די מיטעל און וועגען אויף צו קענען שיקען די הילף פאר די נויטליידענדע.

2. די קאָנפערענץ למען חזוק היהדות פאראייניגט זיך מיט׳ן כלל ישראל אין דער הייסער תפילה צו השם יתברך, אז ער זאָל שוין אויסלייזען די ליידענדע מיליאָנען ברידער און שוועס־טער אונזערע אין אייראָפּעאישען עמק־הבכא, און שיקט זיי איהר האַרציגען רוף פון דער־מוטיגונג: חזקו ויאמץ לבבכם! אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישע אידען זאָגען צו אנצושטרענגען אלע כחות און צו ארבייטען מיט׳ן גרעסטען מסירת־נפש, אז יעדע מעגליכע הילף זאָל צו זיי וואָס גיכער אָנקומען.

•

# וואָס באַצוועקט דער „קרן התורה והדת״, וועלכער איז געשאפען געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ אין בעלמאר?

איינער פון די וויכטיגסטע אויפטוהען פון דער ועידה למען חזוק התורה והיהדות אין בעלמאָר, איז די גרינדונג פון קרן התורה והדת אין אמעריקאַ. דער קרן התורה, וועלכער איז אן אלטער פראָדוקט פון אגו״י, און וועלכער האָט בייגעטראָגען קאָלאָסאַלעס צו פאַרשטאַרקען תורה און יהדות אין אַלע מדינות, האָט זיך ענדליך דערטראָגען צו די ברעגעס פון אַמעריקע, און דאָ האָט ער ספּעציפישע אויפגאַבען אין נאָרמאַלע צייטען ובפרט אין א שעת חירום ווי מיר לעבען היינט.

די אויפגאבען פון קרן התורה אין אלגעמיין זיינען צו העלפען רעאליזירען א